# דברי תורה

מאת

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

שנאמרו
**בשבת התוועדות**
**לתלמידי ישיבתינו הק'**
**פרשת בשלח תשע"ד לפ"ק**
בעיר וואדבורן יצ"ו


יוצא לאור ע"י
**מכון מעדני מלך וויען**

גליון תשפ"ג

להשיג אצל

מכון מעדני מלך וויען

185 Wilson St.
Brooklyn N.Y. 11211
718.388.1751.#117

# דברי תורה

בסעודת ליל שב"ק
שבת התועדות פ' בשלח תשע"ד לפ"ק

**מנהג** ישראל לקרוא את השבת הזו בשם שבת שירה, כי בפרשה זו נאמרה שירת הים. ובאמת בכל שבת הוא זמן שירתן של ישראל, כדאיתא בתוס' (סנהדרין לז:) כתוב בתשובת הגאונים שאין בני ארץ ישראל אומרים קדושה אלא בשבת, דכתיב (ישעיה ו-ב) גבי חיות שש כנפים לאחד, וכל כנף הוא אומר שירה אחת ביום בששת ימי החול, וכשיגיע שבת אומרים החיות לפני המקום, רבש"ע אין לנו עוד כנף, והקב"ה משיב להם יש לי עוד כנף אחד שאומר לפני שירה, שנאמר (ישעיה כד-טז) מכנף הארץ זמירות שמענו ע"כ. וכמו כן יום השביעי בעצמו אומרת שירה, ויום השביעי משבח ואומר מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה' (תהלים צב-א).

**ונראה** דזהו מה שאמר דוד (תהלים קנ-ג) הללוהו בתקע שופר, הללוהו בנבל וכינור, הללוהו בתף ומחול, הללוהו במנים ועגב, הללוהו בצלצלי שמע, הללוהו בצלצלי תרועה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, דאיתא בגמרא (פסחים קיז.) לדוד מזמור, מלמד ששרתה עליו שכינה ואחר כך אמר שירה, מזמור לדוד, מלמד שאמר שירה ואחר כך שרתה עליו שכינה, ללמדך שאין השכינה שורה וכו' אלא מתוך דבר שמחה וכו' ע"ש. ולכן הקדים מתחלה ששה הילולים בכלי שיר, לרמז כי בששת ימי המעשה שטרודין בעניני עולם, יש להתחיל הילולי ה' בשירה בכלי זמר ורק אחר כך שורה שכינה, לא כן ביום השביעי, אין צריכין עוד להתעורר מתחלה בכלי שיר, אלא אז כל הנשמה תהלל י-ה, יש לכל אחד אז נשמה יתירה, ויוכל להתחיל להלל גם בכלי שיר.

*

**וכמו** כן מנהג ישראל תורה ליתן מידי דמיזן להעופות (ועיין במג"א סימן שכ"ד ס"ק ). ונראה על פי

מה שפירש כ"ק אבא מארי זצ"ל (בהגדה חדש האביב פא.) הכתוב (תהלים עג-כב) ואני בער ולא אדע, בהמות הייתי עמך, דלפעמים בעת דלפעמים בעת שאדם רוצה לפתוח פיו בתפלה או לעשות מצוה, והוא רואה שאין לו שום הרגשה ופנימיות הלב, ואין צריך לומר שאינו מבין ויודע סודות הדברים, אז צריך לזכור, כי כמו שהבהמות אומרות שירה לה', כדאיתא בפרק שירה, אף שאין להם שכל ופנימיות הלב לזה, ומה גם להבין סודות הדברים בודאי לא, כן האדם לא יגרע מהם, וצריך לדבר דברי תורה ותפלה ולקיים מצות ה' אפילו בלא כוונה. וזהו שאמר, ואני בער ולא אדע, אז בהמות הייתי עמך, אני מדמה עצמי לבהמת הארץ, לעבוד אותך ולא לפרוש ממך לעולם עכ"ד.

**ובספר עשר** לאחאות (מערכת ב-כו) כתב בשם לדיק אחד שסיפר, כי פעם בערב שבת קודש תפלת כגוונא, נעלם הרבי רבי משה לייב מסאסוב זצ"ל, והמתינו עליו שיבא. והענין היה, כי אדון נכרי אסר ישראל היה חייב לו מעות ולא היה יכול לשלם, לקח האדון אותו ואשתו ובניו, וקשר אותם בחבלים למרכבתו, ונסע עמם. והרה"ק הרגיש זאת, ורץ אליהם. והאדון ואשתו כאשר ראוהו העמידו את המרכבה, כי גם הנכרים ידעו מגדולת לדקתו. ולקח את הילד שלהם שהוליכו עמהם וחבקו ונשקו, והפליא בשבחו, וביקשו ממנו ברכה להילד, וכן עשה. ובתוך כך שאל על האנשים הנגררים אחר מרכבתו, וסיפרו לו מהחוב. והתחיל לפייסם כי לא נאה לאנשים מכובדים כמותם להתזלזל עם פחותי ערך כאנשים הללו. וגם הסביר להם כי בכייתם יוכל להזיק ח"ו לזרעם הילד היקר, וחבקו ונשקו שוב, עד שהאדון התיר החבלים ונתן להם חופש. וכאשר בא בחזרה לבית המדרש, התחיל להתנגן בקול רם, פה שנשק ילד ערל, ונעשה מאוס ונמאס, איך יפתח עתה פיו לומר כגוונא. נאר משה ליב דערמאנט זיך, אז ס'שטייט די כלבים זאגן אויך שירה, עכ"פ משה ליב'ס מויל איז ניסט ערגער פון א כלב, זאגט משה ליב כגוונא. וסיים אותו לדיק שסיפר מעשה זו, עס קומט צוצוטן יעדן איד צו געדענקן די מעשה ע"ש.

**והנה** אם כי כל הבריאה אומרת שירה לה', ובכללם כל הבעלי חיים, מכל מקום הדבר ניכר ביותר בהצפרים שמצפצפין תמיד בפיהם בקול שיר, ומהם נוכל ללמוד לקח, אם הצפור מפטפט ומצפצף בפיו לאמור שירה לה', הן לא גרע האדם גם הפחות ביותר מהם, שגם הוא יכול לפתוח פיו בשירה ובזמרה. ולכן בשבת שירה, שמיוסדת ביותר על ענין

השירה, אשר על זה אנו לוקחין לומר שירה, ומזונותיהן עלינו עבור התחזקות מהלפריס, יש לנו להכיר הכרת הטוב, ולכן נותנין להם להם טובה על מה שהם מסייעין לנו מאכלים בשבת שירה דייקא.

בסעודה שלישית
שבת התוועדות לתלמידי ישיבתינו הק׳
פ׳ בשלח תשע״ד לפ״ק

**דעם** שבת רופט מען שבת שירה, וואס אין די פרשה פארציילט די תורה וויאזוי אידן האבן געזאגט שירה בשעת מ׳איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. יעדע שבת איז געשטעלט אויף שירה, מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה׳, שבת איז א זמן וואס א איד זאגט שירות ותשבחות פארן אויבערשטן.

**אונז** האבן א עקסטערע חשיבות דעם שבת, וואס אונז דארפן זאגן שירה פארן רבונו של עולם אויף דעם שבת. יעדע חסד וואס דער אויבערשטער טוט מיט א איד דארף מען עקסטער דאנקען דערויף, געבן שבח והודאה פארן רבונו של עולם. מ׳האט א שבת וואס מ׳איז ארויסגעקומען צוזאמען מיט די מגידי שיעורים אינאיינעם, אפזונדערן זיך פון די שטאט, אוועקגעבן א שבת זאל זיין כולו לה׳ אוועק פון דער היים. אלע זענען געקומען מיט איין ציל אז דעם שבת זאל מען זיך דערהייבן, הערן במשך פונעם שבת דברי תורה און דברי מוסר חיזוק און הדרכה, אויפן צווייטן העלפט פונעם זמן וואס מ׳דארף נאך אדורכגיין, וויסן די חשיבות פון תורה עבודת ה׳ און אלעס וואס איז נוגע פאר א בחור וואס ער דארף האבן אין די יונגע יארן.

**אונז** האבן נאך א נקודה אינעם שבת שירה, היינט צופרי איז מען אויפגעשטאנען און מ׳האט נישט געהאט קיין לעקטער, נישט קיין וואסער, נישט קיין הייצונג, ס׳האט אויסגעקוקט אז ס׳וועט נישט זיין קיין ווארימע טשאלענט, אבער דער אויבערשטער האט געהאלפן ב״ה אז דער שבת איז נישט געשטערט געווארן פאר אונז. - פון יעדע זאך דארף זיך א איד ארויסלערנען, על מה עשה ה׳ ככה, פארוואס

דער אויבערשטער האט אזוי געטון, אין אלעם ליגט א השגחה פרטית, פונקט האט געדארפט אויסקומען אונז זאלן זיין דא ווען ס'פאסירט אזא פאל אין שטאט.

**נאר** אין בעל הנס מכיר בנסו, דער אויבערשטער טוט מיט א איד אזויפיל חסדים, און דער בעל הנס אליין איז נישט מכיר אין דעם וואס מ'טוט מיט אים. אונז זענען אסאך מאל נישט מכיר די חסדים וואס דער אויבערשטער טוט מיט א מענטש. מען איז צו געוואוינט, אונז האבן עס יעדן טאג, ב"ה ס'זאל נישט פארמינערט ווערן ביי קיין שום אידישע שטוב, מ'האט אלע צרכים וואס מ'דארף צו האבן, מיינט מען אז ס'קומט אזוי נאטירליך פאר'ן מענטש, און ער פארגעסט צו דאנקען דעם רבונו של עולם אויף דעם וואס ער געבט איהם. נאר ווען ס'קומט אמאל א זמן וואס דער אויבערשטער נעמט עס אוועק אפילו נאר אויף א קורצע צייט, און נאכדעם געבט ער עס צוריק, דעמאלטס הייבט מען אן צוכאפן און זען וויפיל חסד הי' ס'ליגט דערין.

**דער** אויבערשטער העלפט אז מ'קען זיצן אינדערהיים שבת און ס'איז ליכטיג, און ס'איז דא ווארעמ'ס, דער שטוב איזווארעם, מ'קען ווארעמען די עסן, מ'האט וואסער, מ'קען ניצן א בית הכסא, מ'קען זיך וואשן די הענט וכדומה, וואס אמאליגע דורות האבן עס נישט געהאט, מיט יארן צוריק. אלע אונזערע עלטערן האבן געוואוינט אין א שטעטעל מיט לעכט, ס'איז נישט געווען וואסער, לעקטער, און ס'איז נישט געווען הייצונג צופרי וכדומה, און מ'האט אזוי אדורך געלעבט גאנצע ווינטער'ס אין די קעלט. דער אויבערשטער העלפט אז מ'האט די אלע זאכן, דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן, געבן שבח והודאה פאר'ן רבונו של עולם אויף יעדן חסד, על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה, נאר אז מ'איז צוגעוואוינט דערצו דערקענט זיך נישט אז מ'דארף זאגן שירה פאר'ן אויבערשטן. ווען דער באשעפער נעמט עס אוועק, און נאכדעם געבט ער עס צוריק, זאגט מען שירה נישט נאר אויף דעם וואס דער באשעפער האט צוריק געגעבן וואס האט אונז געפעלט, מ'זאגט שירה פאר'ן אויבערשטן אויף דעם וואס אונז האבן טאג טעגליך, שעשה לי כל צרכי, יעדן טאג געבט דער אויבערשטער פאר'ן מענטש אלע זיינע צרכים וואס ער דארף צו האבן, און אויף דעם דארף ער געבן שבח והודאה פאר'ן באשעפער.

**ס'איז** באקאנט וואס דער רמב"ן זאגט פאריגע וואך ביי די פרשה פון יציאת מצרים, פון די נסים נגלים איז א מענטש מכיר די נסים נסתרים. מ'זעט א נס

נגלה, דער אויבערשטער טוט א זאך וואס איז א נס גלוי, פאר'ן אויבערשטער איז נישט קיין חילוק צווישן א נס גלוי און א נס נסתר, די גאנצע טבע איז אלעס א שטיק נס, אלעס האלט זיך בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם, פון א דיבור פונעם אויבערשטן איז אלעס באשאפן געווארן, און עס האלט זיך פון דעם דיבור, אין איין רגע וואס דער אויבערשטער נעמט אוועק דעם חיות פון די וועלט, גייט די וועלט צוריק. מען דערקענט עס אבער נישט, ס'איז טאג טעגליך, די זון שיינט אויף ס'גייט אינטער, ס'איז דא פרנסה, ס'איז דא צו עסן און אלע צרכים וואס א מענטש דארף האבן, עס קוקט אלעס אויס נאטורליך. נאר ווען ס'קומט א נס נגלה, יציאת מצרים, עשר מכות, קריעת ים סוף, דעמאלטס כאפט זיך דער מענטש און ער זאגט שירה פאר'ן אויבערשטן, נישט נאר אויף דעם נס וואס דער אויבערשטער האט אים דעמאלטס געטון, נאר פון דעם איז ער געקומען צום שכל צו פארשטיין אז ס'איז דא א השגחה פונעם רבונו של עולם אויף דער וועלט, און ער זאגט שירה אויף די גאנצע בריאה, אויף אלעם וואס דער אויבערשטער האט מיט אים געטון, דאנקט ער דעם אויבערשטן דערויף.

**בחורים** זיצן אין ישיבה און מ'לערנט, דארף מען עקסטער געבן א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן, ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות. מ'איז יונג, מען ווייסט נאך נישט צו שעצן די חשיבות פון די יארן וואס מ'האט, אז דער אויבערשטער האט געגעבן אונזער חלק זיצן אין בית המדרש פון צופרי ביז ביינאכט און מ'איז עוסק בתורה. אונז קוקן נישט אויס אזוי ווי די גוים, ווי צעווילדעוויטע חיות רעות ווערן זיי ערצויגן. אונז ב"ה זיצן און דינען דעם אויבערשטן, אנו עמלים והם עמלים, אנו עמלים ומקבלים שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר, אונז פלאגן זיך טאקע, אונז באקומען אבער שכר, אויף יעדן עמל וואס א איד פלאגט זיך פאר'ן אויבערשטן באצאלט עס דער באשעפער. און מ'דארף דאנקען דעם אויבערשטן ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש, אז ב"ה איך קען זיצן אין בית המדרש, איך קען לערנען שעות רצופות, און איך קען זיך פארהערן מסכתות וואס מ'לערנט, וואס ס'איז נישט דא קיין גליקליכער בחור אויף דער וועלט ווי איינער וואס קען זיצן אין בית המדרש און לערנען, און פילט א טעם אין די תורה הקדושה, הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונופת צופים. אונזער שירה פאר'ן אויבערשטן דארף זיין אין

א העכערע מדריגה ווי די שירה וואס די גאנצע בריאה זאגט שירה פאר'ן רבונו של עולם, אונז האט דער אויבערשטער געגעבן די זכיה אונז קענען זיצן באהלה של תורה, עס איז שבת שירה, ס'איז א שבת וואס מ'דארף זאגן שירה און דאנקען דעם באשעפער אויף די טובות וואס ער טוט מיט'ן מענטש.

*

**די** וואך אין די פרשה איז דא די פרשה פון מן, דארט ליגט די שפע פון פרנסה פאר אידן, אידן האבן געזאגט יעדן טאג דעם פרשת המן כדי ממשיך צו זיין די שפע פון פרנסה וואס ליגט אין די פרשה. אבער עס ליגט עקסטער אין די פרשה פון מן ענינים וואס איז נוגע דירעקט פאר די וואס זיצן באהלה של תורה. סוף פון פרשת המן שטייט, אז דער אויבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו מען זאל נעמען א מלא העומר פונעם מן, און עס אוועק לייגן למשמרת, א געדענק צייכן, למען יראו את הלחם, אז אידן זאלן שטענדיג זען די ברויט, אשר האכלתי אתכם בהוציאי אתכם מארץ מצרים (טז-לב), אידן זאלן שטענדיג זעהן דעם מן וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן אין מדבר. און אזוי האט משה געטון, ער האט געהייסן פאר אהרן ער זאל נעמען א צנצנת מן, ער האט גענומען א פלעשל און אריינגעלייגט דערין מן א מלא העומר, און אוועקגעלייגט דאס אין קדשי קדשים פאר'ן ארון, ביז ס'איז נגנז געווארן מיט די חמשה דברים ביים בית ראשון, דעמאלטס איז נגנז געווארן אויך דער מן. אין מכילתא שטייט, לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן, די תורה איז נישט געגעבן געווארן נאר פאר די וואס האבן געגעסן פונעם מן, און מ'דארף פארשטיין וואס עס מיינט אז די תורה איז געגעבן געווארן נאר לאוכלי המן, אונז עסן נישט קיין מן און דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. אמת מ'האט געגעבן די תורה אינעם מדבר און דעמאלטס זענען מיר געווען אין א זמן פערציג יאר וואס מ'האט געגעסן מן וואס מיינט דאס אז לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן, אז תורה איז געגעבן געווארן נאר פאר די וואס עסן דעם מן.

**רש"י** ברענגט צו, למען יראו את הלחם, וואס איז די משמרת אז מ'זאל זען די לחם וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר אונז אינעם מדבר, זאגט רש"י

ס'איז געווען אין ירמיה הנביא'ס צייטן האבן אידן איבערגעלאזט די תורה, מ'האט נישט עוסק געווען בתורה, זיי האבן געזאגט ווי קענען אונז זיצן און לערנען פון ווי וועלן מיך זיך מתפרנס זיין, פון ווי וועלן מיר האבן צו עסן. האט ירמיה גענומען דעם צנצנת און זיי געזאגט, ראו את דבר ה' (ירמיה ב-לא), קוקטס די דבר ה', ער האט נישט געזאגט שמעו דבר ה', נאר ראו את דבר ה', זעטס דעם דבר ה', ער האט ארויס גענומען דעם צנצנת מן און זיי געזאגט מיט דעם האבן אונז געהאט פרנסה בשעת מ'איז געווען אינעם מדבר, דער אויבערשטער האט אסאך וועגן, הרבה שלוחים למקום, דער אויבערשטער האט אסאך שלוחים וויאזוי ער קען פאר יעדן געבן זיין פרנסה, מכין צו זיין פרנסה פאר יראיו, פאר די וואס האבן מורא פונעם אויבערשטן.

**וואס** האט ירמיה הנביא געמיינט מיט דעם צו זאגן, מ'פרעגט מ'האט נישט קיין פרנסה מ'דארף גיין ברענגען פרנסה, מ'קען נישט לערנען, גייט ירמיה און נעמט ארויס א צנצנת המן און ער ווייזט קוקטס דער אויבערשטער האט געגעבן מן, אז דער אויבערשטער האט געגעבן מן אין מדבר קען ער ענק אויך געבן, הרבה שלוחים למקום, ס'איז דא אסאך שלוחים וויאזוי דער אויבערשטער קען געבן פאר ענק צו עסן, וואס האט ער געמיינט ס'וועט פאלן מן פאר אידן נאכאמאל, מן איז געווען א איינמאליגע זאך, אין די צייטן פון משה רבינו איז געפאלן מן, ס'איז נישטא מן שפעטער, וואס האט ער זיי געזאגט ראו את דבר ה'. און וואס האט דער אויבערשטער געוואלט מיט דעם משמרת, מ'זאל עס אוועק לייגן פאר די ארון. אויך דארף מען פארשטיין פארוואס האט ה' געהייסן נעמען דערפון מלא העומר, וואס דאס איז געווען די שיעור וואס מ'האט געגעסן א טאג, די באשעפער האט געקענט הייסן מ'זאל נעמען א קליין שטיקל מ'זאל עס אוועק לייגן, מ'זאל זען דעם מן וואס מ'האט אונז געגעבן צו עסן דערפון אין מדבר, וואס האט אויסגעפעלט אז א מלא העומר מן זאל זיין אוועקגעלייגט לזכרון.

**נאר** די פשט דערפון איז, אין מן איז געווען אזויפיל נקודות וואס איז נוגע פאר לומדי תורה, ס'איז נישט נאר געווען דאס אז דער אויבערשטער האט אונז געווארפן מן, מ'האט געהאט וואס צו עסן, נאר אין יעדע נקודה וואס איז געווען ביי דעם מן קען זיך א איד אראפלערנען די דרכי ה' וואס איז נוגע פאר לומדי תורה, וויאזוי דער

אויבערשטער טוט זיי צוגרייטן זייערע צרכים וואס זיי דארפן צו האבן. נאך בעפאר ס'איז געפאלן דער מן, אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים ט"ו ניסן, דער מן האט ערשט אנגעהויבן צו פאלן ט"ו אייר, א חודש שפעטער, וואס האבן אידן געגעסן די גאנצע חודש, ס'איז נישט געווען קיין מן, מן איז ערשט געפאלן ט"ו אייר.

**שטייט** אין די גמרא (קידושין לח.) אז די ביסל עסן וואס זיי האבן ארויסגענומען פון מצרים, וואס זיי האבן געהאט מיט זיך אויפן וועג עפעס צו עסן, ס'איז טאקע צדה לא עשו להם (יב-לט), זיי האבן נישט מיטגענומען אויף א לענגערע צייט צו עסן, זיי האבן זיך פארלאזט אויפן אויבערשטן, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה (ירמיה ב-ג), דער אויבערשטער האט זיי געהייסן גיין זענען זיי געגאנגען נאכן אויבערשטן, גם צדה לא עשו להם, זיי האבן טאקע נישט מיט גענומען אויף א לאנגע צייט צו עסן, אבער מ'האט מיטגענומען משארותם צרורות בשמלותם על שכמם (יב-לד), זיי האבן געהאט די טייג וואס זיי האבן מיטגענומען, פון די טייג, פון די חררה, פונעם קיכל וואס ס'האט זיך דעמאלטס אפגעבאקן, האבן זיי געגעסן איין און זעכציג סעודות, זיי האבן טועם געווען דערין זאגט די גמרא א טעם פונעם מן, דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט א טעם פון די מן אין די קיכלעך וואס זיי האבן געהאט, און פון איין קיכל האבן זיי געגעסן א גאנצע חודש.

**און** דאס איז נאך א גרעסערע פלא פונעם מן. דער אויבערשטער האט געווארפן מן פון הימל, אין הימל איז דא געגוג צו עסן, האט דער אויבערשטער געגעבן אז אנשטאט דאס עסן וואס וואקסט געווענליך פונעם ערד האט מען געגעסן מן. דער אויבערשטער האט מער געטוהן, ער האט אריין געגעבן א כח אין דעם גשמיות'דיגע לחם וואס אידן האבן געהאט פון מצרים, אז פון דעם האט מען געקענט אויסקומען וואכן, אוכל קמעא ומתברך במיעיו, מ'האט געגעסן אביסל און עס איז געווען א ברכה אז ס'איז פארמערט געווארן, און מ'האט געהאט דערפון צו עסן אויף א לענגערע צייט. און דאס איז געווען נאך בעפאר ס'איז געקומען די מן אויף די וועלט, האט מען טועם געווען דערין א טעם פונעם מן.

**דער** פסוק זאגט אויפן מן, לחם אבירים אכל איש צדה שלח להם לשובע (תהלים עח-כה), לחם אבירים דאס איז דער מן, אכל איש האט יעדער איד געגעסן

אינעם מדבר, צדה שלח להם לשובע, דער אויבערשטער האט זיי געשיקט צידה צו עסן צו די זעט. לכאורה איז עס א דאפעלטע לשון. נאר דער פסוק ברענגט ארויס ביידע נקודות, ווען מ'איז געווען אין מדבר און מ'האט נישט געהאט וואס צו עסן, לחם אבירים אכל איש, האט דער אויבערשטער געגעבן מן לחם אבירים, אידן זאלן האבן צו עסן, און ביז דער מן איז געפאלן, איז דער צידה וואס זיי האבן ארויסגענומען פון מצרים וואס זיי האבן זיך מיטגענומען עפעס צו עסן, שלח להם לשובע, האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט א שביעה דערין.

**און** די ברכה איז דא שטענדיג, אפילו ווען ס'פאלט נישט קיין מן, דעסט ווענן דאך טוט דער אויבערשטער אזוי ממציא זיין, אז איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה האט ער די ברכה אז אוכל קמעא ומתברך במעיו, ער טוט 'עפעס' פאר פרנסה, און ער טוט 'עפעס' פאר גשמיות'דיגע ענינים, און דער באשעפער שיקט אים אריין א ברכה אז עס ווערט געבענטשט. און דאס איז א חלק פון לא נתנה תורה אלא לאוכלי המן, זיי זאלן זיך אראפלערנען דערפון אפילו ווען דער אויבערשטערווארפט נישט קיין מן פון הימל, אבער דעסט ווענן דאך טוט ער ממציא זיין א בחינה פון מן אין די חררה וואס מ'האט יא.

**ווען** ס'איז געפאלן די מן און זיי האבן נישט געוויסט וואס דאס איז, ויאמרו איש אל אחיו מן הוא, כי לא ידעו מה הוא (טז-טו), האט זיי משה רבינו געזאגט הוא הלחם אשר נתן ה' לכם לאכלה, ער האט געדארפט זאגן הוא הלחם אשר 'נותן' ה' לכם לאכלה, דאס איז די ברויט וואס דער אויבערשטער גייט אונז פון יעצט אן געבן די גאנצע צייט צו עסן, ביז יעצט האט מען געגעסן לחם מן הארץ, יעצט האט דער אויבערשטער ממטיר געווען לחם מן השמים, וואס דאס וועט זיין די לחם וואס אונז גייען עסן די קומענדיגע פערציג יאר. נאר משה רבינו האט געזאגט הוא הלחם אשר 'נתן' ה' לכם לאכלה, דאס איז דער מן וואס דער אויבערשטער האט ענק געגעבן אינעם ברויט וואס עטס האטס ביז יעצט געגעסן די גאנצע חודש, ווען מ'האט נאר געהאט צו עסן דעם לחם וואס מ'האט ארויסגעברענגט פון מצרים, און מ'האט אין דעם טועם געווען דעם טעם פון מן, דאס איז דער מן, די זעלבע וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן לאכלה.

*

**חז"ל** (תנחומא בשלח כא) זאגן אז יעדן טאג איז געפאלן מן פאר צוויי טויזנט יאר גענוג צו עסן, אזויפיל מן איז געפאלן יעדן טאג, אבער מ'האט נישט געקענט נעמען וויפיל מ'האט געוואלט, יעדער האט נאר געקענט נעמען איין עומר לגלגולת, אהיים געטראגן איין פארציאן וואס מ'דארף האבן פאר צוויי סעודות א שיעור פון א עומר, פאר זיך און די בני בית. אויב האט ער גענומען מער, ווען ער איז אהיים געקומען האט ער עס נישט געטראפן. אז מ'האט געהאט גענומען ווייניגער האט ער געטראפן אז ס'איז געווען דערין א עומר, לא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר, אז מ'האט גענומען מער האט מען נישט געהאט מער, און אז מ'האט גענומען ווייניגער האט דער אויבערשטער ארייננגעגעבן א ברכה. א פרישע ברכה וואס איז געווען אינעם מן, ער ברענגט אהיים און ס'איז נישט גענוג, ער קען נישט אויסקומען דערמיט, ער האט גענומען ווייניגער ווי א עומר, ער האט זיך טועה געווען אינעם חשבון און נישט גענומען פאר יעדן איינעם א עומר, דעסט וועגן דאך האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן א ברכה, די מן וואס דו האסט וועסטו האבן גענוג דערין וויפיל דו דארפסט האבן צו עסן פאר דיר און די בני בית. דאס איז נאך א נקודה וואס איז נוגע פאר לומדי תורה, דער אויבערשטער וועט ממציא זיין און געבן פאר זיי וואס זיי דארפן האבן, אפילו ווען ער ברענגט אהיים ווייניג וועט ער האבן דערין אסאך, וויפיל ער דארף צו האבן.

**נאך** א זאך האט דער אויבערשטער געוויזן דערין, אז לא העדיף המרבה, מ'האט נישט געקענט נעמען מער ווי א עומר, וואס שטערט פארין רבונו של עולם אז מ'נעמט אביסל מער פון א עומר. נאר ס'איז געווען די צייט וואס אידן זענען געווען אין מדבר און מקבל געווען די תורה, דער אויבערשטער האט געוואלט אז אידן זאלן זיך ארייגלייגן אין תורה הקדושה, און דאס קען מען נישט מיט תענוגים צוזאמען, מ'קען נישט ליגן אין עסן און זיך ארייגלייגן אין תורה, מ'קען נישט ליגן אין תענוגי עולם הזה און זוכה זיין צו תורה, דאס איז צוויי זאכן וואס זענען סותר איינס מיט'ן אנדערן. דער חובות הלבבות זאגט שוין, אזוי ווי פייער מיט וואסער קען מען נישט אריינלייגן אין איין כלי, קען מען תענוגי עולם הזה נישט ארייגשטעלן צוזאמען מיט תורה, כך היא

דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן ובתורה אתה עמל, תורה מוז קומען מיט יגיעה, מ'מוז זיך פלאגן פאר תורה. תורה ווערט נקנה נאר במיעוט מאכל במיעוט משתה במיעוט עידון (אבות ו-ו), מ'קען נישט זוכה זיין צו תורה נאר ווען א מענטש עסט וויפיל ער דארף צו עסן, ער ליגט נישט אין תענוגי עולם הזה.

**דער** אויבערשטער האט געוואלט ווייזן ביים מן, עסן וויפיל מ'דארף, יא, מלא העומר, נישט פאסטן קיין תעניתים, יעדער האט געהאט זיין גאנצן עומר וויפיל ער דארף צו עסן, דו ווילסט עסן מער, דו ווילסט עסן א דאפלטע פארציאן, פאר דיין קיום פון לעבן האסטו שוין געגעסן געגוג, ער וויל עסן נאך, דער אויבערשטער זאגט מ'קען נישט, יעצט איז די צייט וואס מ'דארף עוסק זיין בתורה. אין די פערציג יאר אין מדבר האט דער אויבערשטער אזוי געמאכט אז דער וואס האט געוואלט נעמען מער, האט נישט געקענט נעמען מער, ס'איז געווען אויסגערעכנט פאר יעדן מענטש זיין מלא העומר וואס ער האט געדארפט צו האבן.

**דאס** איז נאך א נקודה וואס דער אויבערשטער האט אונז געלערנט מיט דעם, צו ווייזן אז מ'וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען וויסן אז מ'דארף עסן וויפיל מ'דארף צו עסן, א גאנצן עומר, דאס איז א סעודה וואס איז פאר בריאים, אזוי זאגט די גמרא (עירובין פג:) געזונטע מענטשן דארפן האבן די שיעור פון א עומר, אבער מער קענסטו נישט. און טאמער האסטו געהאט ווייניגער, וועט דער אויבערשטער דיר צוגעגעבן דערצו. וועגן דעם מלא העומר ממנו למשמרת לדורותיכם, מ'דארף אוועק לייגן נישט נאר סתם אביסעל, מ'זאל וויסן אז מען האט געגעבן מן פאר אונז, נאר לייג אוועק מלא העומר, דעם גאנצן עומר, צו ווייזן פאר אידן שפעטער אין אלע דורות, אז יעדער איד וואס וועט זיך קובע זיין לתורה וועט ער האבן זיין מלא העומר. און אויך זאל ער וויסן אז מער ווי א מלא העומר קען מען נישט האבן, ס'גייט נישט צוזאמען, אז מ'וויל זוכה זיין צו תורה דארף זיך א איד אפגעוויינען פון תענוגי עולם הזה. מ'רעדט נישט פון פאסטן תעניתים, מ'רעדט פון עסן וויפיל מ'דארף צו עסן, נאר נישט נאכגיין נאך נאשעריי, נישט עסן מאכלים וואס איז נישט וויכטיג צו עסן, עס געבט גאר נישט צו צום געזונט, ס'איז נאר פשוט תענוג לשם תענוג. די גוף ווערט נאכדעם א בעל תאוה, און אזא גוף קען נישט זוכה זיין נאכדעם מקבל זיין תורה. מלא העומר ממנו

למשמרת לדורותיכם למען יראו את הלחם אשר האכלתי אתכם, עטס זאל זען אז מ׳וויל זוכה זיין צו תורה דארף עס זיין אויסגעמאסטן, צו עסן נאר וויפיל מ׳דארף.

**נאכדעם** האט דער אויבערשטער געוויזן ביים מן נאך א נקודה, מן איז נישט געפאלן פאר יעדן איינעם די זעלבע, א צדיק האט געהאט אנדערש זיין מן, א בינוני האט געהאט אנדערש זיין מן, און א רשע האט געהאט אנדערש זיין מן. א צדיק זאגט די גמרא (יומא עה.) איז געפאלן על פתח ביתו, ער האט געענדיגט דאווענען האט ער תיכף געהאט ביי די טיר זיין מן, ער האט עס גענומען און אריין אין שטוב און געגעסן זיין פרישטיג. דער בינוני האט נישט געהאט ביי די טיר, ער האט געמוזט ארויסגיין אין די מחנה. דער רשע האט געדארפט ארויסגיין מחוץ למחנה ישראל, שטו העם, אסאך מאהל א וועג פון א שעה און דריי פערטל בערך כדי צו באקומען זיין עסן. ווייל מחנה ישראל איז געווען פון איין עק ביזן אנדערן עק א וועג פון דריי אין א האלב שעה, דריי פרסאות, צוועלף מיל, און א שיעור הילוך מיל איז אכצען מינוט. קומט אויס אז ווען איינער וואוינט אינדערמיט, האט ער געמוזט דורך גיין א האלבע מחנה, א שעה און א דריי פערטל איין וועג, נאכדעם האט ער געדארפט צוריק גיין אהיים אויכעט, ער האט זיך געדארפט פלאגן פאר זיין ברויט ביז ער איז אנגעקומען מיט זיין מן ער זאל עס קענען עסן.

**נאך** א חילוק זאגט די גמרא, דער צדיק בשעת ער האט אויפגעהויבן זיין מן, האט ער עס געטראפן ווען ס׳איז געווען אפגעקאכט אפגעבאקן, ס׳איז שוין געווען לחם, א פארטיג ברויט, ער האט גארנישט געדארפט טון, אהיים גיין אויפעסן די מן, און ער האט געהאט זיין סעודה. די בינונים האבן געטראפן ס׳איז געווען אזוי ווי א טייג, ס׳איז געווען עוגות, ס׳איז געווען נישט פארטיג, מ׳האט נאך געדארפט צוטון דערצו. די רשעים האבן געדארפט אנהייבן ווי ווייץ, מ׳האט געדארפט מאלן, דכו במדוכה, און מ׳האט עס געדארפט קאכן און באקן, ביז ער האט געקענט האבן זיין עסן.

**וואס** מיינט א צדיק, א בינוני, א רשע, אינעם מדבר, קיין גרויסע עבירות האט מען נישט געקענט טון דארטן, אלע באהאלטענע עבירות האט דער מן מגלה געווען. מ׳האט נישט געוואוינט צווישן גוים, מ׳האט געוואוינט אין א מדבר, שטעלט׳ס

ענק פאר איינער איז איינגעשפארט אין א שטוב דא, און ער וואוינט פערציג יאר אין דעם הויז, וואס קען ער שוין טון איינגעשפארט. נאר א צדיק אין מדבר איז געווען איינער וואס האט נישט פארברענגט קיין צייט, ער איז געזעסן און געלערנט, ער האט נישט געהאט דארט וואס צו טון, און עוסק געווען בתורה יעדע מינוט, דאס איז געווען די בחינה פון א צדיק. ס'איז געווען אנדערע וואס האבן אויך געלערנט, אבער בינוני, אביסל געלערנט אביסל געשמיסט אביסל ארויסגעגאנגען. נאכדעם איז געווען אזעלכע וואס האבן אינגאנצן נישט געלערנט.

**האט** דער אויבערשטער געוואלט ווייזן, ווען איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה נעמט מען אוועק פון אים די עול פון פרנסה און אנדערע פראבלעמען וואס מיהאט, ער האט גענומען אויף זיך עול תורה, דער אויבערשטער וועט אים צושטעלן אלעס וואס ער דארף צו האבן. אז דו ביזט נישט מקבל אויף זיך עול תורה, וועסטו זען אז דו וועסט דארפן מקבל זיין אנדערע זאכן אויכעט. ס'איז א בפירושע גמרא (סנהדרין צט:) כולהו גופא דרופתקא נינהו, אלע גופים האט דער אויבערשטער באשאפן אז זיי מוזן זיך פלאגן, מ'קען נישט לעבן אויף די וועלט אנדעם וואס מ'פלאגט זיך, נאר וואס דען, איינער פלאגט זיך מיט עמל פון תורה, און דער וואס פלאגט זיך נישט אויף תורה, דער פלאגט זיך אויף עפעס אנדערש. זאגט די גמרא, טובי לדזכי דהוי דרופתקי דאורייתא, וואויל איז דער וואס פלאגט זיך אויף תורה. דו וועסט דיך ממילא דארפן פלאגן, אז דו וועסט דיך נישט פלאגן אויף תורה, וועסטו דיך פלאגן אויף עפעס אנדערש.

**דאס** האט דער אויבערשטער געוויזן אינעם מדבר, דער צדיק וואס האט זיך געפלאגט אויף תורה, האט ער זיך נישט געדארפט פלאגן פאר פרנסה מיט קיין שום זאך, ער איז ארויסגעגאנגען ביי די טיר האט ער געהאט דאס עסן. ער האט געהאט נישט סתם עסן, נאר עס איז געווען אויך צוגעגרייט, ער האט אויפגעגעסן זיין פרישטיג אין א פאר מינוט, און ער האט זיך תיכף געקענט זעצן לערנען. דער בינוני, האסט מבטל געווען צייט פון לערנען, האסט געמיינט אז דו ביסט מרויח די צייטן וואס דו האסט מבטל געווען פון לערנען, דארפסט עס אוועק געבן יעצט פאר דיין עסן. ארויסגיין טרעפן דעם מן, נאכדעם וועסטו דארפן צוגרייטן דעם מן, כדי דו זאלסט עס

קענען האבן. דער רשע וואס האט איינגאנצען אנגעברענגט די צייט, אים האט מען געגעבן דעם מן מחוץ למחנה איינגאנצן, און נאכדעם וואס ער האט דאס אהיים געברענגט, האט ער עס נאך געדארפט צוגרייטן דערצו אז ער זאל קענען עסן.

**האט** דער אויבערשטער געהייסן נעמטס דעם מן און לייגט עס אוועק למשמרת לדורותיכם, זאלסט געדענקען וויא אזוי די מן האט אויסגעקוקט, אז ווען א איד האט מקבל געווען אויף זיך עול תורה, האט אים דער אויבערשטער צוגעגרייט אלעס וואס ער האט געדארפט צו האבן, אן דעם וואס ער האט זיך געדארפט פלאגן דערויף. און איינער וואס האט נישט געוואלט מקבל זיין אויף זיך עול תורה, האט דער אויבערשטער לויט זיין מאס אים געגעבן מדה כנגד מדה, אז ער האט זיך געפלאגט צו פארשאפן זיין מן, און כדי ער זאל קענען אפקאכן זיין מן. ווייל דער אויבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז ווען א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה, שטייט אין די משנה (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, דער אויבערשטער נעמט אוועק פון איהם אלע אנדערע פראבלעמען וואס מ'האט, כל הפורק ממנו עול תורה, ווען א מענטש נעמט אראפ פון זיך עול תורה, איז נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ, דארף ער זיך פלאגן מיט עפעס אנדערש.

**דער** אויבערשטער געבט אריכות ימים פאר יעדן איינעם, מענטשן לעבן זיבעציג אכציג הונדערט יאר, איינעם לעבן דארף מען זיך אסאך פלאגן, אבער ער קען עס טוישן, אויב ער פלאגט זיך אויף תורה, די יונגע יארן געבט ער אוועק פאר תורה הקדושה, וועט מען אים אוועק נעמען די פלאג שפעטער, וואס דו האסט דיך געפלאגט פאר תורה וועסטו דיך נישט דארפן פלאגן שפעטער, ס'ווערט אראפ גערעכנט פון דיין חשבון. און חס ושלום פארקערט, אז מען פלאגט זיך נישט אויף תורה, ער וויל עס נעמען גרינג, ער וויל נישט האבן קיין עול, יעצט קענסט עס אפשטופן, מוזט נישט האבן יעצט קיין עול, מ'קען דיך נישט צווינגען, דער עול וועט אבער צוריק קומען אויף דיר, דו וועסט באצאלן טייער. דו האסט געקענט עס אויסנוצן אויף רוחניות און האבן א עול פון תורה, און באקומען שכר, אנו עמלים ומקבלים שכר, האסט געקענט באקומען שכר אויפן עמל, צום סוף וועסטו זיין עמלים ואין מקבלים שכר, מ'וועט בלייבן ביים עמל, מען וועט זיך פלאגן ווייטער, אבער קיין שכר וועט מען נישט האבן

דערויף. האט דער אויבערשטער געהייסן מ'זאל נעמען א עומר פון דעם מן און אוועק לייגן למשמרת לדורותיכם, די נקודות דערפון זאל מען אויך געדענקען.

*

**נאכדעם** געפינט מען, אז די גמרא (יומא עה.) דינגט זיך וואס דער מן איז געווען, וואס מיינט לחם אבירים, איין מאן דאמר זאגט אז דאס איז לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו, ס'איז א ברויט וואס די מלאכים אויבן אין הימל עסן, און דאס האט דער אויבערשטער געגעבן פאר אידן צו עסן. און איין מאן דאמר דינגט זיך דערויף און ער זאגט, אין הימל איז נישט דא קיין ברויט, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי, מלאכים עסן נישט, זיי דארפן נישט קיין ברויט, דאס איז נישט קיין לחם וואס מלאכי השרת עסן, נאר פארוואס הייסט עס לחם אבירים, לחם שנבלע ברמ"ח איבריהם, געווענדליך אז א מענטש עסט א מאכל, א חלק פונעם מאכל ווערט נבלע אינעם מענטש, און א חלק איז פסולת, דער גוף דארף עס ארויסגעבן פון זיך. ביים מן איז נישט געווען קיין פסולת, דער מן איז נבלע באיבריהם, מ'האט נישט געדארפט ארויסגיין אין בית הכסא נאכדעם וואס מ'האט געגעסן דעם מן, ס'איז נבלע געווען אין די רמ"ח איברים.

**פארוואס** האט דער אויבערשטער אזוי געטון, ער האט געגעבן א עסן וואס זאל נבלע ווערן אין די אברים. נאר אז א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה, דארף ער וויסן אז תורה קומט אן קיין הפסק, די חשיבות פון תורה איז ווען א איד זיצט און לערנט און איז נישט מפסיק אינדערמיט. מ'רעדט נישט פונעם עונש וואס ס'שטייט אז ווען איינער איז מפסיק אינמיטן לערנען מאכילין אותו גחלי רתמים, נאר די חשיבות פון תורה איז שעות רצופות, זיצן און לערנען א שעה נאך א שעה נישט מפסיק זיין, דאס האט א חשיבות. אז מ'לערנט און נאכדעם איז מען מפסיק און מ'לערנט ווייטער, ווערט די תורה קרעים קרעים, אזוי ווי א צוריסענע בגד דא א שטיקל דארט א שטיקל, מ'דארף צוזאמקלעבן איינס מיט'ן אנדערע. די חשיבות פון תורה, ליגן אין תורה, צו שפירן א טעם אין תורה, איז ווען מ'געוויינט זיך אין די יונגע יארן צו לערנען שעה נאך שעה, נישט מפסיק צו זיין אינמיטן לערנען. הייבן הייבט זיך

עס אן מיט א שווערינקייט, אבער נאכדעם ווען מ'קומט אריין דערין איז עס נישט שווער. מ'זעט עס דא ביי די בחורים אליין, ס'איז געווען אפשר שווער פון אנהייב, אבער נאכדעם קען מען נעמען אויף זיך צענדליגער שעות, מ'האלט שוין ביי הונדערטער שעות וואס די בחורים האבן גענומען אויף זיך צו לערנען שעות רצופות, און זיי האבן א תענוג דערפון, און זענען מקבל אויף זיך שפעטער אויכעט ממשיך צו זיין צו לערנען שעות רצופות. לערנען תורה האט א חשיבות די רצופות וואס מ'לערנט דערין.

**צרכים** פון א מענטש איז דאך א הכרח, ער האט דאך נישט קיין ברירה מ'מוז מפסיק זיין לעשות צרכיו, אבער דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר די אוכלי המן וואס האבן מקבל געווען די תורה, דאס וועט מען אויך פון דיר אוועק נעמען, אז דו וועסט מקבל זיין אויף דיר עול תורה, וועט מען דיר געבן לחם אבירים, וועסט נישט דארפן מפסיק זיין פון ווען דו האסט אויפגעגעסן די סעודה ביז די קומענדיגע סעודה, האסט גארנישט וואס צו טון, דו קענסט זיצן ביי די גמרא און לערנען פון איין סעודה ביז די אנדערע סעודה מ'דארף נישט זיכען קיין פרנסה, מ'דארף נישט ארויסגיין אויף די גאס האנדלען, מען דארף נישט קיין פרישע קליידונג, אלעס איז מיטן מענטש מיטגעוואקסן, שמלתך לא בלתה מעליך, עסן האט ער געהאט ביי די טיר, דו וועסט נישט האבן קיין שום הפסק אין דיין לימוד התורה דאס האט דער אויבערשטער געוואלט ווייזן, אז א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה וועט אים דער אויבערשטער צופירן צו לחם אבירים, ער זאל נישט האבן קיין הפסק אין זיין לימוד התורה. און דאס דארף מען זיך אראפלערנען, אז מ'זאל וויסן די חשיבות פון תורה איז, ווען מען קען לערנען תורה אן דעם וואס מ'איז מפסיק אינדערמיט.

*

**אבער** דער מן איז נישט געווען אזוי פויגלידיג, ס'האט געהאט אויך נאכווייען, זאכן זענען געווען ביים מן וואס האט געשטערט פארן מענטש. אזוי שטייט אין די גמרא (יומא עד:) המאכילך מן במדבר למען ענותך (דברים ח-טו), דער אויבערשטער האט געגעבן צו עסן דעם מן למען ענותך ער זאל דיך פייניגן. וואס איז די עינוי, מ'ווארפט

אים אראפ מן נעבן די טיר, און ער קען שפירן דערין אלע טעמים, און דער פסוק זאגט למען ענותך, דיך צו פייניגן מיט דעם וואס ער וועט דיר געבן מן. זאגט די גמרא יא ס׳איז געווען א עינוי אין דעם מן, איינס זאגט די גמרא מ׳האט נישט געזעהן פאר זיך די קאליר פונעם עסן, די שיינקייט פון עסן, די מן איז געווען כזרע גד לבן, ס׳איז געווען אזוי ווי זרעים, ס׳איז געווען ווייסע קערענדליך, און מ׳האט עס אראפגעלייגט אויפן טיש, און מ׳האט געגעסן קערענדליך פרישטיג מיטאג נאכטמאל, איין טאג צוויי טאג איין יאר פערציג יאר, מ׳האט געקענט טאקע שפירן אלע טעמים דערין, אבער פאר די אויגן האט מען נישט געזעהן די צורה פון א מאכל. א מענטש זאגט די גמרא ווערט זאט ווען ער קומט אריין און זעהט ס׳איז אנגעגרייט חלות אויפן טיש, ס׳ליגט פיש, און ער זעט פלייש, און פערפל און קוגל, די אויג אליין ווערט זאט פון די מאכלים.

**דער** אויבערשטער האט אונז געגעבן אזויפיל מיני פירות, און יעדע פרי האט ער געמאכט קאליר׳פול, יעדע פרי איז א אנדערע קאליר, ס׳האט א שיינקייט אין זיך, וואס טוט צוברענגען א זעטיגקייט פאר׳ן מענטש. עסן זעטיגט אויף צוויי אופנים, עס זעטיגט דורכדעם וואס מ׳עסט עס, און א חלק פון דעם טוט זעטיגן דאס אויג וואס זעט דעם מאכל. די גמרא זאגט אז א סומא א בלינדער קען אויך עסן, אבער ער ווערט נישט זאט, אזוי ווי ער זעט נישט דעם מאכל ווערט ער נישט זאט דערפון. די זעלבע איז געווען ביי די אידן, זיי האבן געגעסן דעם מן אבער זיי האבן זיך אפגערעדט בלתי אל המן עינינו, מ׳זעט נישט עפעס אנדערש נאר דעם מן. דער באשעפער האט נישט געגעבן א מאכל וואס מ׳זאל הנאה האבן פון זען דעם מאכל, מ׳האט עס נאר געגעסן און מ׳איז זאט געווארן דערפון. אזוי ווי מ׳זאל געבן פאר א מענטש יעדן טאג אפאר פילן, און ער זאל דאס אויפעסן און פון דעם וועט ער קענען לעבן, ס׳פעלט אים די תענוג און די שביעה פונעם אויג. דאס איז געווען למען ענותך, דער באשעפער האט דיר געגעבן מן אבער ער האט דיך געפלאגט מיט מן.

**די** צווייטע טעם זאגט די גמרא, מן איז געפאלן יעדע צופרי, און מ׳האט נישט געטארט איבערלאזן פאר׳ן אנדערן טאג, מ׳האט געדארפט אין יענעם טאג אויפעסן דעם מן און נישט איבערלאזן אויפן אנדערן טאג צו עסן. יעדע שטוב ביינאכט איז געווארן ליידיג פונעם מן, מ׳איז געגאנגען שלאפן און מ׳האט נישט

געהאט וואס צו עסן, נישט פאר זיך, נישט פאר די שטוב, נישט פאר די קינדער, נישט פאר די בעביים, נישטא אין שטוב קיין שום מאכל וואס צו עסן, צופרי האט דער אויבערשטער ווייטער געגעבן מן. יעדער איז געווען פארזארגט, ער האט נישט געוויסט ווען ער וועט אויפשטיין צופרי אויב וועט ער האבן צו עסן אדער נישט. ס'איז אינו דומה זאגט די גמרא ווען א מענטש האט פת בסלו צו ער האט נישט פת בסלו, ווען א מענטש האט ברויט און ער ווייסט אז ער קען עס עסן שפעטער, איז ער רואיג, ווען ער ווייסט נישט וואס ער גייט עסן שפעטער, איז ער נישט רואיג, ווייל ער ווייסט נישט אויב מארגן וועט זיין וואס צו עסן. דאס איז געווען ביים מן, מ'האט נישט געהאט קיין פת בסלו, מ'האט נישט געהאט צוגעגרייט אויף מארגן צו עסן. פערציג יאר האבן אידן אזוי געלעבט, אז ביינאכט איז נישט געווען קיין עסן אין שטוב, און מ'האט זיך געדארפט פארלאזן אויף חסד ה' אז מארגן צופרי וועט פאלן מן, און טאמער מארגן צופרי פאלט נישט קיין מן, גייט מען אויסגיין פון הונגער אינעם מדבר, זאגט די גמרא דאס איז געווען די למען ענותך דיך צו פלאגן מיט דעם מן.

**אבער** דאס דארף אויך האבן א ביאור, דער אויבערשטער איז אזא גוטער, ער געבט שוין צו עסן, און ער געבט א מן וואס האט אלע טעמים דעריין, פארוואס געבט ער נישט אזא מן וואס מ'זאל קענען זאט ווערן פונעם קאליר, מ'זאל זען די שטיקל פלייש און אנדערע מאכלים וואס איז דא אינעם מן. ער געבט שוין יא מן, פארוואס דארף מען זיך יעדע נאכט זארגן אויב צופרי וועט זיין מן צו נישט, דער אויבערשטער האט געקענט געבן, לייג אוועק ועסטו זיין זיכער אויף צוויי טאג אויף דריי טאג זאלסט האבן וואס צו עסן. שטייט אין הייליגע ספרים, דער אויבערשטער האט אונז געוואלט מזכך זיין, דער באשעפער האט געוואלט מטהר זיין אונזער גוף, דער אויבערשטער האט געוואלט אונז ווייזן מ'טאר נישט ליגן אין תאוות אכילה, אמת טאקע מ'דארף עסן, און מ'דארף האבן כח כדי מ'זאל קענען לערנען תורה, אבער דו מוזט נישט האבן די הנאה און די תענוג פון אלע ערליי קאלירטע מאכלים, און יעדן סארט מאכל זאלסטו זעהן פאר די אויגן ווען די עסט עס. קענסט טאקע שפירן אין מן אלע טעמים, אבער דו מוזט אויך האבן א גדר נישט נאכגיין אלע תענוגים, נישט נאכגיין יעדע הנאה וואס דו קענסט האבן פון די וועלט. האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה פאר די אוכלי המן, זוכה זיין צו תורה קען מען נאר ווען דו ווערסט עסן

וואס דו דארפסט כדי צו האבן כח, אבער ליג נישט אין עסן, זיי נישט נהנה פון די צוגעגרייטע שיינע מאכלים וואס איז אראפגעלייגט וויאזוי ס'זעט אויס, האט דער אויבערשטער אוועקגענומען דעם תענוג, עפעס דארף א איד אוועק געבן און אפפערן פון זיין גוף, כדי ער זאל קענען זוכה זיין צו תורה.

**די** צווייטע זאך וואס דער אויבערשטער האט אוועקגענומען ביים מן, די רואיגקייט אויף מארגן, דאס איז אויך א חסד ה', דער באשעפער האט געוואלט א איד געוויינען אין בטחון צום אויבערשטן. תורה אליין האט נישט קיין חשיבות נאר ווען ס'איז מיט יראת ה', יראת ה' אוצרו, מ'קען קענען ששה סדרי משנה זאגט די גמרא (שבת לא.), דעסט ווענן דאך יראת ה' אוצרו, די אוצר פונעם אויבערשטן איז נאר יראת ה', מורא האבן פארן אויבערשטן, אי איכא יראת ה' אין אי לאו לאו. דער אויבערשטער האט געוואלט אונז זאלן זיך געוויינען טאג נאך טאג זיך צו פארלאזן אויף חסד ה', מ'זאל וויסן אז דער אויבערשטער געבט אונז אונזער פרנסה, און ער וועט אונז נישט פארלאזן, מ'זאל האבן בטחון, האט דער אויבערשטער אונז נישט געלאזט איבערלאזן פונעם מן אויף דעם אנדערע'ן טאג, יעדע נאכט זאל מען זיך לייגן, אונז וויסן נישט וואס מיר וועלן עסן מארגן, דער באשעפער וועט געבן מארגן אויך. דאס אלעס איז געקומען מזכך צו זיין דעם מענטש. און נישט יעדער איז געווען צופרידן, מען האט זיך אפגערעדט אויפ'ן מן, זיי זענען נישט געווען צופרידן מיט די עינוי וואס מען האט מיט געגעבן מיט'ן מן צוזאמען.

**אין** פסוק שטייט בין תופל ולבן (דברים א-א), שתפלו על המן שהוא לבן, זיי האבן זיך אפגערעדט אויפ'ן מן וואס איז געווען ווייס. אז מ'האט זיך געוואלט אפרעדן אויפ'ן מן, דארף מען נישט ארויסברענגען אז די מן איז געווען ווייס. שטייט אין הייליגע ספרים, לבן דאס איז ליבון, ס'האט מלבן געווען, ס'האט גערייניגט מזכך געווען דעם איד, דורכדעם וואס ער האט נישט געהאט אויף מארגן צוגעגרייט צו עסן, דורכדעם וואס ער האט נישט געקענט זעהן דעם עסן, עס האט אים מזכך געווען די עינוי וואס איז געווען אינעם מן, און אויף דעם איז תפלו על הלבן, זיי האבן זיך אפגערעדט אויף דעם ליבון וואס איז געווען.

*

**אבער** מ'האט זיך געקענט אן עצה געבן, מ'האט געקענט זיין א חכם און אויסשפילן כביכול דאס וואס דער אויבערשטער האט געוואלט, אז ער זאל נישט נהנה זיין פונעם קאליר פונעם עסן, און מ'זאל נישט קענען אוועק לייגן אויף מארגן, ס'איז געווען א עצה דערויף. די גמרא דארט זאגט, אז כאטשיג ס'איז געפאלן מן פאר אידן אינעם מדבר, איז געווען אומות העולם וואס האבן געוואוינט אין די זייט נעבן דעם מדבר, און תגרי אומות העולם, גוים וואס זענען געווען סוחרים, מ'האט געוויסט אז אידן זענען אין א מדבר זיי האבן נישט וואס צו עסן, און אידן האבן געהאט געלט, מ'איז ארויסגעקומען מיט א גרויסע אוצר פון מצרים, קען מען דאך מאכן געשעפטן דא, איז געקומען תגרי אומות העולם און זיי האבן פארקויפט פאר אידן צו עסן. מ'האט געקענט עסן וואס דער גוי האט געגעסן, מ'האט געקענט אריינברענגען אינעווייניג, ס'איז נישט געווען קיין איסור צו עסן עפעס אנדערש.

**די** בעלי תאוה וואס זיי האבן זיך נישט געקענט זיך צוריק האלטן נאר צו עסן מן, בלתי אל המן עינינו, זיי זעהן נאר מן, געלט האבן זיי געהאט, יעדן טאג זענען געקומען די תגרי אומות העולם זיי האבן געברענגט צו עסן פון די גאס, מ'האט געברענגט פירות, מ'האט געברענגט אנדערע מאכלים וואס מ'האט געקענט צוגרייטן צו עסן, און מ'האט געקענט זעהן צוגעגרייט א שיינע סעודה אויסער מן. מ'האט געקענט איינטוישן, אנשטאט לחם שמלאכי השרת אוכלים אותו, האט מען געקענט עסן מגושמ'דיגע עסן, מ'האט געקענט עסן גויאישע מאכלים בהיתר, ס'איז נישט געווען קיין איסור אז מ'טאר עס נישט טון. נאך מער, דאס וואס ער האט איינגעקויפט ביי אומות העולם, דאס האט ער געקענט האלטן ביי זיך אין שטוב, ער האט עס נישט געדארפט מבער זיין ביינאכט, דעם מן האט מען נישט געטארט איבערלאזן ביז צופרי, די בעלי תאוה האבן זיך אן עצה געגעבן, אויסער דעם מן האבן זיי פארשאפט אנדערע מאכלים וואס מען האט זיי צוגעברענגט אין שטוב אריין.

*

**מ'מיינט** אז מ'האט עפעס פארדינט, מ'האט נישט פארדינט. די גמרא פרעגט אויב די מן איז נבלע געווארן אין די איברים פונעם מענטש, אין פסוק שטייט

דאך, ויתד תהיה לך על אזניך (דברים כג-יד), אז מ'האט געדארפט גיין אין בית הכסא האט מען זיך געדארפט פירן בצניעות, צודעקן וואס מען גייט ארוים. מ'האט נישט געטארט ארוסגיין אינעם מחנה, מ'האט געדארפט ארויסגיין מחוץ למחנה, און דארט וחפרת וכסית את צאתך, זעט מען דאך אז מ'איז יא ארויסגעגאנגען אין בית הכסא, וואס זאגסטו אז ס'איז געווען א לחם וואס איז נבלע געווארן אין די אברים. זאגט די גמרא אז דאס וואס איז נבלע געווארן אין די אברים דאס איז נאר געווען דער מן, אבער דאס וואס מ'האט געקויפט פון תגרי אומות העולם דאס איז נישט נבלע געווארן אינעם גוף, דאס האט מען געדארפט ארוסגיין אין בית הכסא ווי געווענדליך, און מ'האט געדארפט ארויסגיין מחוץ למחנה.

**איין** מאן דאמר זאגט אז אפילו וואס מ'האט געגעסן פון תגרי אומות העולם איז אויך נבלע געווארן אין די אברים, דער מן איז געווען אזא גוטע מן אז ס'האט אויסגעוועפט דעם כח וואס איז געווען אין די עסן פון תגרי אומות העולם, און אזוי ווי מן איז געווען א לחם וואס איז נבלע געווארן באיבריהם, די זעלבע איז וואס מ'האט צוגעגעסן אויך דערצו. עס קען זיין אז דאס זאגט דער פסוק וטעמו כצפיחית בדבש (טז-לא), דבש האט אין זיך א כח, אז ווען מ'לייגט עפעס אריין אין דבש, טוט די דבש עס מהפך זיין. דער מן האט מהפך געווען אפילו די מאכלים וואס מ'האט געגעסן מיט דעם מן, האט מען אויך נישט געדארפט ארויסגיין אין בית הכסא. און דאס וואס עס שטייט ויתד תהיה לך על אזניך, זאגט די גמרא לאחר שסרחו, נאכדעם וואס מ'האט געזינדיגט האט מען פארלוירן דעם כח. איך וועל נישט אריין גיין יעצט אין די אריכות, צו לאחר שסרחו מיינט צו זאגן נאכדעם וואס מ'האט געזינדיגט האט מען בכלל פארלוירן דעם כח פון לחם אבירים, מ'קען לערנען אז לאחר שסרחו גייט ארויף אויף די צווייטע מדריגה, וואס ס'האט מהפך געווען וואס די אומות העולם האבן געגעבן, דאס איז צוגענומען געווארן לאחר שסרחו נאכדעם וואס מ'האט געזינדיגט.

**אמת** מ'האט זיך געקענט אן עצה געבן, אויסער דעם מן האט מען געקענט עסן עפעס אנדערש, ער האט אבער טייער באצאלט פאר דעם וואס ער האט געגעסן אינדרויסן. דאס וואס ער האט געגעסן פון תגרי אומות העולם, איז נישט נבלע געווארן אין די אברים, האט ער געדארפט ארויסגיין מחוץ למחנה. די גמרא זאגט,

מיהאט נישט געטארט גיין לעשות צרכיו, נישט אויף די רעכטע זייט, נישט אויף די לינקע זייט, און נישט אויף לפניו, ווייל מיהאט נישט געוויסט ווי דער ענן וועט גיין שפעטער, ער האט געמוזט צוריק גיין די גאנצע מחנה, דריי און האלב שעה האט ער געמוזט צוריק גיין ביז יענעם עק פון די מחנה, און דארט אינדרויסן האט ער געקענט ארויסגיין אין בית הכסא, און דארט איז געווען די מצוה פון ויתד תהיה לך על אזניך. דער אויבערשטער האט אים געוואלט ווייזן וועסט טייער באצאלן, איך געב דיר א לחם, אמת ס'האט נישט אין זיך אלע קאלירן וואס א מאכל האט, און ביזט אנגעוויזן אויף חסד ה' אז מארגן וועט דיר אויך פאלן לחם, אבער איך באצאל דיר דערפאר, פאר דעם וועסטו דיך נישט דארפן פלאגן מיט עפעס אנדערש, דו וועסט נישט דארפן גיין אזא לאנגע וועג אויף ארויסצוגיין, דו וועסט נישט דארפן זיך מטריח זיין, עס וועט זיין א לחם וואס איז נבלע אין אלע אברים. אבער אויב דו ווילסט נישט אנעמען וואס איך געב דיר, וועסטו האבן א אנדערע פראבלעם דערפאר, דו ווילסט עסען עפעס אנדערש, קענסטו, אבער פאר דעם וועסטו באצאלן, איבער דריי שעה איין וועג אויף ארויסצוגיין מחוץ למחנה, און דריי שעה צוריק צוקומען, א וועג פון זיבן שעה האט אים געקאסט דאס ברויט וואס ער האט געגעסן פון תגרי אומות העולם.

**עס** קען זיין אז דאס וואס דער אויבערשטער האט אים באשטראפט דוקא מיט די מדה, אז ער האט געדארפט נפנה זיין מאחורי המחנה. אין מדרש שטייט אז ווען אידן זענען געווען ארומגענומען מיט ענני הכבוד, האט א גוי נישט געקענט אריינקומען אינעווייניג אינעם ענן. יתרו איז געקומען ער האט געוואלט אריינגיין צו משה רבינו, האט ער געמוזט שיקן א שליחות מיט א חץ, מיט א פייל האט ער אריינגעשיקט א בריוו, אז אני חותנך יתרו בא אליך, קום ארויס און זיי מיר מקבל פנים, ער האט נישט געקענט אריינגיין, די ענני הכבוד האבן ארומגענומען אידן. אויב אזוי ווי האבן די תגרי אומות העולם געקענט אריינקומען פארקויפן פאר אידן, מוז על כרחך זיין אז זיי האבן אויך נישט געקענט אריינקומען אינעם ענן, נאר זיי זענען געשטאנען אינדרויסן פונעם ענן, און ווען איינער האט געוואלט קויפן האט ער געמוזט ארויסגיין פון ענן מחוץ למחנה, דארט האט ער געקענט ביי זיי איינקויפן. דער בעל תאוה האט שוין אנגעהויבן דעם פלאג נאך פאר דעם, ווען ער האט געוואלט גיין איינקויפן, האט ער געמוזט קודם אדורכגיין די גאנצע מחנה ער זאל עס קענען איינקויפן, און נאכדעם האט ער געמוזט

צוריק אהיים גיין, ברענגען דאס ברויט עסן ביי זיך אין שטוב. דער אויבערשטער באשטראפט דאך א מענטש מדה כנגד מדה, כדי ער זאל זיך אפלערנען פון דעם די עולה וואס ער האט געטון. פאר די תגרי אומות העולם האסטו געמוזט גיין מחוץ למחנה כדי זאלסט עס קענען האבן, דו וועסט פאר דעם באצאלן, נאכדעם וואס דו וועסט עס אויפעסן, וועסטו דארפן ארויסגיין אין בית הכסא און נאכאמאל גיין דעם גאנצן וועג און צוריק קומען.

**דער** אויבערשטער האט אונז געוואלט לערנען די נקודה וואס מ'האט פריער גערעדט, ווען א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה, ער פלאגט זיך פאר תורה, ער איז גרייט אויף זיך צו נעמען א עמל פאר תורה, וועט דער אויבערשטער אוועק נעמען פון אים אנדערע עמלים, די לחם וועט זיין נבלע אין אלע אברים, מ'וועט זיך נישט דארפן פלאגן דערויף. אז דו ווילסט נישט מקבל זיין אויף דיר עול תורה, דו ווילסט האבן תענוגי עולם הזה אויך, דו וועסט גיין איינקויפן פון תגרי אומות העולם, אויסצושפילן דעם חשבון פונעם אויבערשטן, איך וועל יא עסן אזעלכע מאכלים וואס מ'קען נהנה זיין דערפון, איך וועל יא אוועקלייגן אויף מארגן איך זאל נישט זיין אנגעוויזן אויף בטחון וואס איך וועל עסן, מה נאכל למחר, איך האב שוין היינט צוגעגרייט אויף מארגן, דאס באצאלט מען. דאס וואס א איד געבט אוועק פאר'ן אויבערשטן, טוט מען פאר דעם אוועק נעמען פלאג פון אים עפעס אנדערש. פלאגסטו דיך נישט פאר'ן רבונו של עולם, וועסטו דיך פלאגן מיט עפעס אנדערש, וועסט דארפן גיין אין בית הכסא, וועסט גיין א וועג פון זיבן שעה אהין און צוריק כדי זאלסט קענען ארויסגיין.

*

**דאס** האט דער אויבערשטער געהייסן נעמטס א מלא העומר, לייגטס עס אוועק למשמרת לדורותיכם, לייג עס נעבן דעם ארון, נעבן די תורה הקדושה, לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן, די וואס טון זיך מתבונן זיין אין די אוכלי המן, פאר זיי איז געגעבן געווארן די תורה. געדענק פון דעם מן כמה נקודות וואס מ'האט ארויסגעברענגט, געדענק פונעם מן אז דער אויבערשטער קען געבן פרנסה, ס'קען

פאלן מן פונעם הימל. אפילו ביזט נישט זוכה עס זאל פאלן ממש מן פון הימל, דעסט וועגן דאך וועט דער אויבערשטער געבן אזוי ווי ביי די חררה ווען מ'איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, מען האט געשפירט אינדעם א טעם מן, אוכל קמעא ומתברך במעיו, דער אויבערשטער קען דיר צושיקן א ברכה, מיט אביסל וואס דו האסט זאלסטו קענען זיך מפרנס זיין, און דו וועסט קענען זיצן און לערנען. לייג אוועק פון דעם מן מלא העומר מ'זאל געדענקען, אז דער אויבערשטער האט געגעבן פאר יעדן איינעם צו עסן א מלא העומר, און אז איינער האט נישט געהאט גענוג, ער האט ווייניג געקליבן, האט דער אויבערשטער עס משלים געווען אויף א אנדערע וועג, און ער האט געטראפן א גאנצן עומר. געדענק אויך, אז מער ווי א עומר עסט מען נישט, אז מ'וויל זוכה זיין צו תורה עסט מען נאר וואס מ'דארף צו עסן, מ'גייט נישט נאך תענוגי עולם הזה, סתם צו עסן לשם תענוג. מלא העומר ממנו, מער ווי א עומר האט מען נישט געקענט נעמען.

**לייג** אוועק פון דעם מן, וועסטו געדענקען אז פאר דעם צדיק האט דער אויבערשטער צוגעגרייט זיין מן אינדרויסן ביי די טיר, און ער האט געהאט פארטיגע ברויט, ער האט זיך גארנישט געדארפט פלאגן. דער וואס האט זיך נישט געוואלט פלאגן אויף תורה, האט מען אים געגעבן פלאג ערגעץ אנדערש, ער האט נישט געטראפן דעם מן ביים שטוב, און ער האט געדארפט גיין ביז די מחנה. ווער עס האט זיך נאך ווייניגער געפלאגט אויף תורה, האט מען אים געהייסן ארויסגיין, שטו העם, ארויסגיין אינגאנצן אינדרויסן. און די סארט מן וואס ער האט אהיים געברענגט איז שוין נישט געווען נאר האלב פארטיג, אינגאנצן נישט פארטיג, ער האט נאך געדארפט מאלן און צוגרייטן עס. א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה, איז מעבירין ממנו עול דרך ארץ, דאס וואס איז דרך ארץ, נארמאלע מענטשן דארפן זיך צו פירן, מ'נעמט אוועק פונעם עול, דער אויבערשטער געבט אים אז ס'קומט אים אן גרינגער.

**נאכדעם** האט דער אויבערשטער געוואלט אונז לערנען, געדענק וואס דער מן איז געווען לחם אבירים, לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו, א לחם וואס איז נבלע געווארן אין די איברים. פארוואס האט דער אויבערשטער געגעבן א לחם וואס איז נבלע געווארן אין די אברים, מ'זאל קענען לערנען תורה ברציפות, נישט דארפן

מפסיק זיין אפילו צו גיין אין בית הכסא, מ'קען זיצן און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט אן א הפסק אין לימוד התורה, דאס איז זייער חשוב.

**שוין** כמה פעמים גערעדט פון רבי עקיבא, זאגט דאך די גמרא (כתובות סג.) אז ער איז אוועקגעגאנגען לערנען תורה צוועלף יאר, ער האט איבערגעלאזט די ווייב אין דער היים, און געגאנגען לערנען תורה מיט מסירות נפש, פארגעסן פון די גאנצע וועלט, פארגעסן פון די שטוב, זיך ארייגלייגן אין תורה הקדושה. נאך צוועלף יאר איז ער צוריק אהיים געקומען, ער האט געוואלט אריינגיין אין שטוב, האט ער געהערט אז דאס ווייב האט געזאגט אז ווען ער זאל מיך פרעגן וואלט איך איהם געהייסן ער זאל בלייבן דארט נאך צוועלף יאר לערנען. האט ער זיך תיכף אויסגעדרייט און צוריק געגאנגען אין בית המדרש לערנען אויף נאך צוועלף יאר, און ער איז אהיים געקומען נאך פיר און צוואנציג יאר, מיט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און ער האט איר גערימט אז זיין גאנצע תורה איז פאר איר צו פארדאנקען.

**די** וועלט פרעגט דערויף, ביסט שוין געווען אין דערהיים נאך צוועלף יאר, גיי אריין אין שטוב זאג א גוט מארגן פאר דיין ווייב, פארוואס האט ער זיך צוריק געדרייט און געגאנגען אין בית המדרש לערנען. די וועלט זאגט דערויף, ער האט מורא געהאט ער וועט ארייקומען אין שטוב וועט זיך טוישן די מצב, ער וועט זיך טוישן, זי וועט זיך טוישן, און זי וועט נישט געבן רשות צוריק צו גיין וועיטער.

**פון** די בעלי מוסר שטייט, אז צוויי מאל צוועלף יאר איז נישט איין מאל פיר און צוואנציג. אז מ'איז מפסיק, מ'קומט אהיים אין שטוב, און נאכדעם דארף מען צוריק גיין אין בית המדרש לערנען, ס'איז א נייע התחלה, ער קען אנהייבן נאכאמאל לערנען פרישע צוועלף יאר, ער האט געוואלט האבן תורה ברציפות פיר און צוואנציג יאר אינאיינעם, איז ער אויסגעוואקסן א רבי עקיבא, וואס דברים שלא נגלו למשה רבינו נגלו לרבי עקיבא, זאכן וואס ס'איז נישט נתגלה געווארן פאר משה רבינו, האט רבי עקיבא יא געוויסט. די חשיבות פון תורה איז לערנען תורה ברציפות, אן דעם וואס מ'איז מפסיק אינדערמיט צו רעדן. מ'דארף זיך געוויינען צו לערנען איין שעה נאכ'ן אנדערן שעה, דאס געבט אריין א חיות אינעם לערנען, מ'פילט נאכדעם א טעם, ס'איז

מתוקים מדבש ונופת צופים. און דאס האט דער אויבערשטער אונז געלערנט ביים מן, לחם אבירים, ס'איז נבלע געווארן אין די אברים.

**און** דער אויבערשטער האט אונז אויך געלערנט דארט, מ'דארף האבן תורה מיט יראת שמים, לערנען מיט אמונה, גלייבן אז דער באשעפער וועט ממציא זיין פרנסה, מ'טאר נישט אוועק לייגן מן פון איין טאג אויפ'ן אנדערן טאג, כדי אונז זאלן געדענקען אז דער אויבערשטער געבט אונז די פרנסה. און אז מ'וויל זיין קלוג, אז מ'וויל יא פארשאפן זיך עסן פון אינדרויסן, ער וויל יא נהנה זיין נאכגיין נאך תאות האכילה, האט איהם זייער טייער געקאסט די תאוה וואס ער האט געגעסן, ביז ער איז צוגעקומען צו די תאוה ער זאל קענען קויפן ביי די תגרי אומות העולם, און ער זאל צוריק ארייננקומען אינעם מחנה, האט אים גענומען שעהן לאנג. און נאכדעם וועסטו באצאלן, עס וועט נעמען שעות לאנג ביז דו וועסט זיך קענען מפנה זיין פון דעם וואס דו האסט געגעסן, און צוריק קומען אין בית המדרש נאכדעם לערנען. - דאס איז די מוסר השכל, למען יראו את הלחם אשר האכלתי אתכם בהוציאי אתכם מארץ מצרים, מ'זאל שטענדיג געדענקען אראפ לערנען פון דעם מן, וויאזוי א איד דארף זיך אוועק געבן פאר תורה.

*

**ב"ה** בחורים זיצן באהלה של תורה און מ'לערנט פלייסיג, אמתידיג פלייסיג, מ'פארהערט זיך ב"ה, מען לערנט שעות על גבי שעות, דאס איז איין חלק פון תורה. אבער די צווייטע חלק איז יראת ה' וואס מען דארף האבן דערצו, אמונת ה', ליגן אין עבודת ה', זמן תורה לחוד זמן תפלה לחוד. זמן פון תפלה דארף זיין מוקדש פאר'ן אויבערשטן, ליגן אין די ווערטער פונעם דאווענען, זיך מדבק זיין אינעם רבונו של עולם בשעת מען דאוונט. זען ווי מער מ'קען אוועק געבן פון תאוות הגוף, נישט נאכגיין נאך מאכלים וואס מ'דארף נישט צו עסן, מ'קען נישט זאגן אז מ'טאר נישט עסן נאר וואס מ'געבט אין ישיבה אדער אינדערהיים, אבער ס'איז כדאי אז יעדער זאל זיך נעמען על כל פנים, איין נאש, איין מאכל, זיך אנהייבן צוגעוויינען אפשיידן זיך דערפון, דאס עס איך נישט, אזויפיל כאטשיג טון עפעס אוועק געבן פון תאוות הגוף. זיך צוגעוויינען אז

ס׳איז דא אזא באגריף אז מ׳דארף נישט אלעס עסן, און וואס מ׳קען זיך אפשיידן דערפון זאל מען זיך אפשיידן. מ׳מוז נישט עסן יעדע סארט מאכל וואס איז ארויסגעקומען אין געשעפט, זיך געוויינען אויף א געוויסע מאכל וואס די מאכל רירט ער נישט צו, ער עסט עס נישט. און מ׳קען עס טוישן אויך, אפאר חדשים עסט ער נישט דאס, און אפאר חדשים עסט ער נישט א צווייטע זאך, זיך געוויינען צו וויסן אז דאס איז א עבודה ביי א איד, זיך קענען צוריק האלטן, נישט נאכגיין נאך תענוגי הגוף.

**ווען** א מענטש עסט זאל ער געדענקען בכל דרכיך דעהו, ווען ער עסט צו האבן כח צו לערנען תורה ווערט נתקדש זיין גוף, זיין גוף איז א הייליגע גוף, די תורה ווערט איינגעזאפט אין אים. און דאס האט דער אויבערשטער פאר אונז געגעבן אינעם מדבר פערציג יאר, לחם מן השמים, עס זאל ווערן איינגעזאפט אין אונז די תורה הקדושה, עס זאל ווערן א הייליגע גוף. די גוף פון א מענטש ווערט צוזאם געשטעלט פון עסן, אז מ׳עסט לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו, מ׳ווערט עסן אזא לחם וואס איז למען ענותך, ויענך וירעיבך, ס׳איז געווען א עינוי אין דעם לחם, דעמאלטס ווערט מען זוכה זיין צו תורה. און מיט דעם זענען אידן אויסגעשטיגן אין תורה אינעם מדבר, מ׳איז אריין נאכדעם אין ארץ ישראל, ס׳איז געווען שבע שכבשו שבע שחלקו, מ׳האט נישט געקענט זיצן און לערנען, אבער נאך אזויפיל יארן וואס די גוף פון א איד איז געווען דורכגעווייקט אין תורה, האט זיך געהאלטן די תורה.

**זאל** דער אויבערשטער געבן מ׳זאל קענען זיצן שטענדיג באהלה של תורה, אפגעבן יעדע צופרי א שבח והודאה פארן אויבערשטן אז אונז זענען זוכה צו קומען אין בית המדרש לערנען תורה, נישט אז ס׳איז עול צו קומען אין בית המדרש, נישט אז מען טוט א טובה פאר איינעם נאר פאר זיך אליין, דאנקען דעם אויבערשטן ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש, געלויבט דער אויבערשטער איך בין געזונט און איך האב די זכיה צו קומען אין ישיבה לערנען. דאנקען דעם אויבערשטן אז איך קען זיין היינטיגן טאג נישט אויף די גאס, און זיך ארומדרייען אזוי ווי גויים דרייען זיך ארום, איך קען זיצן אין בית המדרש און לערנען, און איך וועל אויסנוצן דעם טאג פאר לימוד התורה.

**א** חלק פונעם זמן איז שוין אדורך געגאנגען, מ׳גייט אריין צום צווייטן חלק פונעם זמן, צוריק גיין נאך שבת מיט אסאך חיזוק און כוחות מיט א התחדשות, אנצוהייבן

מיט א פרישע חשק, אפילו דו האסט זיך נישט געהאט געהעריג אנגעשטרענגט ביי די ערשטע העלפט פונעם זמן, עוד היום גדול, מ'קען נאך אסאך שטייגן אין דעם זמן, אויסנוצן די טעג וואס איז געבליבן ביז סוף זמן, די וואכן די חדשים וואס איז נאך דא, ס'איז א עיבור יאר, ס'איז צוגעקומען נאך א חודש צום זמן, אויסנוצן און לערנען פלייסיג. דער אויבערשטער וועט געבן מען וועט שטייגן אין תורה און יראת שמים, אויסוואקסן תלמידי חכמים און יראי ה'. דער אויבערשטער זאל ממציא זיין פרנסה פארין גאנצן כלל ישראל, די פרשה פון מן איז משפיע פרנסה, עמך ישראל צריכין פרנסה, מ'האט פרנסה בריוח אין שטוב קען מען מפרנס זיין און מחנך זיין קינדער ערליך. זאל דער אויבערשטער ממציא זיין אין אלע אידישע שטיבער פרנסה בהרחבה, זאל דער אויבערשטער געבן אונז זאלן קענען ווייטער אויסוואקסן גרויס אין תורה און עבודת ה', אקעגן גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.